ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

**קובץ**
**שלשלת האור**

**היכל**
**תשיעי**

**שער**
**שלישי**

# דבר מלכות

•

**מאת**

כבוד קדושת

## אדמו״ר מלך המשיח מנחם מענדל שליט״א

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

**משיחות ש״פ שופטים, ז׳ אלול ה׳תנש״א**


יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי | ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושתים לבריאה

**הי׳ תהא שנת פלאות בכל**

מאה ועשרים שנה לכ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א


**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**

**לזכות**

**כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א**

**מהרה יגלה אכי״ר**

* * *

**לז״נ**

הרה״ח הרה״ת ר׳ **צבי הירש** בן הרה״ח ר׳ **בן ציון** ע״ה

נלב״ע ז״ך אלול ה׳תש״מ

ומרת **רבקה** בת הרה״ח ר׳ **צבי** ע״ה

נלב״ע כ״ט תמוז ה׳תשס״ב

**שפריצער**

נתרם ע״י בניהם – יבלח״ט –

הרה״ת ר׳ **שמואל** והרה״ת ר׳ **יעקב מרדכי** שיחיו

**שפריצער**

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!**


לתרומות והקדשות: To sponsor: weeklydvarmalchus770@gmail.com

בס״ד.

# פתח דבר

בזה הננו מוציאים לאור קונטרס משיחות ש״פ שופטים, ז׳ אלול שנה זו.

**מערכת „אוצר החסידים"**

י״א אלול, ה׳תנש״א (**ה**י׳ **ת**הא **ש**נת **א**ראנו **נ**פלאות)
שנת הצדי״ק לכ״ק אדמו״ר שליט״א,
ברוקלין, נ.י.

הוצאת ספרים
קרני הוד תורה
קה״ת
ליובאוויטש

„שופטיך", און דער „שתה" באַווייזט אויף התפשטות – כנראה בצורת האותיות ש, ת און ה – ע"ד דער ענין פון „יועציך".

ובהדגשה יתירה בשנה זו – הי' תהא שנת אראנו נפלאות, וואָס איז כולל אין זיך רוב האותיות פון „שתי־ה", ובמקום פון דעם יו"ד (ה'שי"ת)[133] קומט דער נ"א; און אַ הכנה צו שנה הבאה – הי' תהא שנת נפלאות בינה, מיט דער מעלה פון בינה (בחי' „יועציך" בערך לנקודת החכמה), וואָס שרשה איז העכער פון חכמה (ראי', אראנו)[134].

און אין דעם יאָר גופא – שטייט מען שוין בסיום השנה, אין חודש אלול – דער חודש החשבון פון שנה שעברה און חודש ההכנה פון שנה הבאה. און אין דעם חודש איז מען שוין דורך די ערשטע ז' ימים, ז' ימי ההיקף[135] (פון יום ראשון ביז יום השבת), וועלכע זיינען כולל אַלע ימי השנה (שעברה והבאה) – איז דאָס נאָכמער מתאים צו מאַכן אַ חשבון צדק און די פאַסיקע הכנות לשנה הבאה בנוגע צו דער עבודה הנ"ל פון „ואשיבה שופטיך כבראשונה ויועציך כבתחלה".

דערצו איז שוין אויך דורך דריי (למעליותא) גאַנצע וואָכן פון די „שבעה דנחמתא", און מ'האַלט שוין באַ דער הפטורה פון „אנכי אנכי הוא מנחמכם"[136], דער ענטפער פון דעם אויבערשטן[137] אויף דער טענה פון אידן „ותאמר ציון עזבני אד' וה' שכחני"[138], ובסגנון אחר – „עד מתי"?! און דער אויבערשטער ענטפערט אַז „אנכי אנכי הוא מנחמכם", כולל – די נחמה בכפליים (אנכי אנכי) פון דער גאולה האמיתית והשלימה.

יג. ויהי רצון, אַז דורך דער עבודה בקיום „שופטים גו' תתן לך בכל שעריך", באופן פון „ואשיבה שופטיך גו'" הנ"ל – זאָל דאָס מקויים ווערן בפועל ממש, אין „שעריך" בארץ ישראל, און אין „שעריך" פון דעם ביהמ"ק השלישי, וואָס „טבעו בארץ שערי'"[139], און אידן דורך זייער עבודה שטעלן דאָס צוריק אויף[140], און צוזאַמען דערמיט איז דער בית המקדש עצמו (וואָס איז בנוי ומשוכלל למעלה[141]) יורד מלמעלה למטה, צוזאַמען מיט דער קדש הקדשים און אבן השתי' שבו, שממנה הושתת כל העולם כולו.

און שטייענדיק נאָך חמשה עשר באב – שמזלו ארי'[142], ר"ת (אב) אלול, ראש השנה, יוהכ"פ הושענא רבה[143] – איז מנהג ישראל צו ווינטשן יעדער איד און אַלע אידן: אַ כתיבה וחתימה טובה[144], וגמר חתימה טובה, לשנה טובה ומתוקה, בגשמיות וברוחניות וברוחניות ובגשמיות וגם יחד, און דער אויבערשטער זאָל ממלא זיין משאלות לבב כל אחד ואחת מישראל לטוב,

ובפרט – אין קיום בקשת ותביעת כל א' מישראל: „עד מתי"?! „השיבה שופטינו כבראשונה ויועצינו כבתחלה", בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, ותיכף ומיד ממש.

---

134) ראה סה"מ מלוקט ח"ג ע' קסט. וש"נ.

135) ראה שו"ת הרשב"א ח"א ס"ט. הובא ונת' בד"ה ויהי ביום השמיני תרע"ח, תש"ד, תש"ה. ועוד.

136) ישעי' נא, יב.

137) ראה אבודרהם בסדר פרשיות וההפטרות בשם המדרש.

138) שם מט, יד.

139) מיכה ב, ט. וראה במדב"ר פט"ו, יג. ועוד.

140) ראה גם לקו"ש חי"א ע' 98. ועוד.

141) פרש"י ותוס' סוכה מא, סע"א. ועוד.

142) ספר יצירה פ"ה מ"ב. רש"י ר"ה יא, ב. ועוד.

143) של"ה במס' ר"ה שלו (ריג, א). ועוד.

144) ראה דרכי חיים ושלום סתרפ"ד.

## בס"ד. משיחות ש"פ שופטים, ז' אלול ה'תנש"א

א. בשייכות מיט דעם ציווי אין היינטיקער פרשה[1] „שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך", איז דאָ דער יעוד פון דעם נביא הגאולה[2]: „ואשיבה שופטיך כבראשונה ויועציך כבתחלה", און ווי מ'זאָגט עס אויך אין דער תפלה בכל יום (מימי החול[3]): „השיבה שופטינו כבראשונה ויועצינו כבתחלה".

וע"פ המדובר כמה פעמים ובפרט ל־אחרונה – וועגן דער הכרזה והודעה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו[4]: „לאלתר לתשובה (ובמילא איז) לאלתר לגאולה", אַז מ'האָט שוין אַלץ פאַרענדיקט, אויך דער „צופוצן די קנעפ"[5], און עס דאַרף נאָר זיין „עמדו[6] הכן כולכם"[7] – און דאָס האָט מען שוין אויך פאַרענדיקט – אויף צו מקבל זיין פני משיח צדקנו תיכף ומיד ממש – איז פאַרשטאַנדיק, אַז מ'האַלט שוין איצטער באַ דעם זמן פון קיום היעוד „ואשיבה שופטיך גו' ויועציך"[8], און נאָכ־מער: כבתחילה: מ'האָט שוין די התחלה דערפון, כדלקמן.

ב. וועט מען עס פאַרשטיין בהקדים כמה דיוקים אין דעם לשון היעוד:

א) אין דעם ציווי בפרשתנו שטייט „שופטים ושוטרים תתן לך", משא"כ אין דעם לשון היעוד שטייט נאָר „ואשיבה שופטיך", און עס ווערט ניט דערמאָנט שוטרים. ולאידך: קומט צו דער לשון וענין „ויועציך".

ב) וואָס זיינען די צוויי ענינים פון „שופטיך" און „יועציך"?

ג) פאַרוואָס שטייט באַ „שופטיך" דער וואָרט „כבראשונה", און באַ „יועציך" – „כבתחלה"?

ד) דער דיוק „שופטיך" און „יועציך" בלשון נוכח (ניט ווי בפרשתנו – „שופטים ושוטרים" סתם (אע"פ וואָס דערנאָך שטייט „תתן לך")).

ג. ויש לומר דער ביאור בזה:

דער אונטערשייד צווישן שופטים און שוטרים איז – בלשון רש"י[9]: „שופטים – דיינין הפוסקים את הדין, ושוטרים – ה־רודין את העם אחר מצותן שמכין וכופתין במקל וברצועה עד שיקבל עליו את דין השופט"[10]. דאָס הייסט, אַז די שוטרים איז ענינם צו כופה און מכריח זיין[11] די אנשי

---

1) בתחילתה.

2) ישעי' א, כו.

3) ברכה הי"א דתפילת העמידה.

4) „קול קורא" ב„הקריאה והקדושה" (סיון־תמוז תש"א. אלול תש"ב) – נדפסו באגרות־קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ה ע' שסא ואילך. שעז ואילך. תח ואילך. ח"ו ע' תל ואילך.

5) ראה שיחת שמח"ת תרפ"ט.

6) אגרות־קודש שלו ח"ד ע' רעט. וש"נ.

7) ראה „היום יום" ט"ו טבת. ובכ"מ.

8) ראה פיה"מ להרמב"ם סנהדרין פ"א מ"ג, דמשמע שם ש„ואשיבה שופטיך גו'" יהי' עוד „לפני בוא המשיח" וכהסיום בכתוב זה „אחרי כן יקרא לך עיר הצדק גו'". וראה לקו"ש ח"ט ע' 105 הערה 74.

9) ריש פרשתנו.

10) וראה רמב"ם ריש הל' סנהדרין: שופטים – אלו הדיינים הקבועין בבית דין ובעלי דינים באים לפניהם, שוטרים – אלו בעלי מקל ורצועה כו'. וברש"י סנהדרין טז, ב (ד"ה שוטרים): חובטין ב־מקלות ע"פ השופטים לכל מי שאינו שומע.

11) ראה סהמ"צ להרמב"ם מ"ע קעו (ועד"ז ב־חינוך מצוה תצא): למנות שופטים ושוטרים שיכריחו לעשות מצוות התורה ויחזירו את הנוטים מדרך

העם אַז זיי זאָלן מקבל זיין דעם דין ומשפט.

עפ״ז איז פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס אין דעם יעוד הגאולה שטייט נאָר „ואשיבה שופטיך״ און ניט „שוטרים״ — ווייל לעתיד לבוא ווערען נתבטל מציאות הרע[12] און דער יצר הרע[13], וועט מען ניט דאַרפן אָנקומען צו שוטרים[14] וואָס זאָלן מכריח זיין די אנשי העם צו פאָלגן די הוראות השופטים, וואָרום אַלע מענטשן וועלן פון זיך אַליין מקיים זיין די הוראות[15]. מ׳וועט דאַרפן נאָר האָבן „שופטים״, וועלכע זאָלן פסק׳נען דינים און לערנען תורה און אָנווייזן די הוראות התורה והמצוות צו אידן[16] („ילכו מחיל אל חיל״[17] אין קדושה גופא[18]).

ד. ויש לומר אַז דאָס איז מרומז אויך אין שם הפרשה „שופטים״ (אָן דעם וואָרט „שוטרים״), כידוע[19] אַז דער שם פון אַ זאַך גיט אַרויס דער תוכן פון דער גאַנצער זאַך, ועד״ז בנוגע צו די שמות פרשיות התורה ווי זיי ווערן אָנגערופן ע״פ מנהג ישראל, און זיינען בתכלית הדיוק[20] —

ולכאורה: ווי שטימט דער שם הפרשה („שופטים״) מיט דער מצוה וואָס תוכנה איז לכאורה „שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך״, ביז אַז עס שטייט אין מדרש[21] „אם אין שוטר אין שופט, כיצד, כיון שנתחייב אדם בב״ד לחבירו אם אין שוטר שיוציא ממנו כיון שפורש מן הדיין אין ספיקה ביד הדיין לעשות לו כלום אא״כ מוסרו ביד השוטר״?!

איז דער ביאור אין דעם[22]: דער ענין פון שוטרים איז נאָר אַ סיוע צו די שופטים, אַז אויב דער שופט קען ניט דורכפירן זיין משפט בפועל, דאַרף מען אָנקומען צו שוטרים, „בעלי מקל ורצו־עה״[9], וועלכע וועלן מכריח זיין דעם בעל דין „שיקבל עליו את דין השופט״. און דעריבער ווערט די פרשה אָנגערופן נאָר בשם „שופטים״, און דער מינוי השוטרים ווערט ניט גערעכנט אַלס אַ מצוה בפ״ע

האמת אלי׳ על כרחם כו׳ וימנעו ויחזרו מהרע ויעמידו הגדרים על העובר עד שלא יהיו מצוות התורה ואזהרותי׳ נדונות לפי אמונת כל איש.

12) כמש״נ „ואת רוח הטומאה אעביר מן ה־ארץ״ (זכרי׳ יג, ב).

13) ראה סוכה נב, א.

14) ראה אוה״ת פרשתנו ע׳ תתכא: ועפ״ז יובן ענין ושוטרים . . והיינו להכות נה״ב בשבט ע״ד לעולם ירגיז (ברכות ה, רע״א).

15) ולהעיר מפי׳ הרד״ק עה״פ ואשיבה שופטיך כבראשונה: זה יהי׳ בימות המשיח שיכלו הרשעים כולם ושארית ישראל לא יעשו עולה ולא ידברו כזב (צפני׳ ג, יג).

16) ראה רמב״ם ריש הל׳ ממרים: ב״ד הגדול שבירושלים [העיקר והיסוד של כל השופטים ש„בכל שעריך״*] הם עיקר תורה שבעל פה והם עמודי ההוראה ומהן חק ומשפט יוצא לכל ישראל. וראה לקו״ש חכ״ט ע׳ 97.

17) לשון הכתוב — תהלים פד, ח.

18) ראה תניא אגה״ק סו״ס כו (קמה, א).

*) ראה פרשתנו יז, ח (ובפרש״י ד״ה דברי ריבות). ולהעיר גם מספרי ריש פרשתנו (עה״פ בכל שעריך). רמב״ם הל׳ סנהדרין פ״א ה״ג. ועוד.

19) ראה תניא שעהיוה״א פ״א. וראה בארוכה „תשובות וביאורים״ (קה״ת תשל״ד) ס״א*. לקו״ש ח״ו ס״ע 35 ואילך ובהערות שם. וש״נ.

20) ראה בארוכה לקו״ש ח״ה ע׳ 57 ואילך. ועוד.

21) תנחומא פרשתנו ב (ובתנחומא באבער ג). וראה גם ספרי ריש פרשתנו (עה״פ בכל שעריך). וראה ביאור הרי״פ פערלא לסהמ״צ לרס״ג פרשיות פרשה א׳ בסופה.

22) ראה לקו״ש (חל״ד) שופטים תשמ״ח ס״ו.

*) אגרות קודש כ״ק אדמו״ר שליט״א ח״א ס״ע רפח ואילך. **המו״ל.**





אַרויס אין זיין הנהגה בפועל — סיי אין זיין כח הראי׳, סיי אין זיין כח השמיעה, סיי אין זיין ריח און סיי אין זיין דיבור און טעימה (בפה).

און אין יעדערען פון זיי — איןביידע כיוונים פון ימין ושמאל, עשה טוב וסור מרע, וואָס כנגד זה זיינען די ב׳ עינים, ב׳ אזנים, וב׳ נחירי האף. און אויך דער פה — איז טועם („חיך אוכל יטעם״[123]) סיי אַ טעם מתוק און סיי אַ טעם מר[124]. דאָס הייסט, אַז הוראת השופט (ובפרטיות — דער שכל פון נה״א) נעמט אַרום און ווייזט אָן ווי מ׳דאַרף זיך פירן אין אַלע ענינים אין לעבן — „מטעמים״ לשון רבים (כמבואר בתניא[125]), סיי די ענינים וואָס זיינען „זיס״ און סיי די ענינים וואָס זיינען „ביטער״ (בחיצוניות), אָבער — מ׳איז מגלה אין דעם (און דאָס איז אַ חלק פון הוראת השופט), אַז באמת ובפנימיות איז דער דבר מר אויך „זיס״, ואדרבה — אַ מתיקות נעלית יותר ווי דאָס וואָס לכתחילה מתוק (ע״ד די מעלה פון חסדים הנסתרים).

אַזוי — אַז אַלע פרטים ופרטי פרטים פון אַ אידן׳ס לעבן ווערן דורכגענומען און אָנגעפירט לויט די הוראות פון זיין „שופט״ ו„יועץ״ — זיין נשמה.

און אַזוי אויך בכללות יותר — איז יעדער איש ואשה דער „שופט״ און „יועץ״ פון זייער שטוב און בני בית, דאַרפן זיי אָנפירן מיט דער שטוב לויט די הוראות ועצות התורה.

ביז בכללות עוד יותר, כנ״ל — אַז יעדער איד, אנשים נשים וטף, זיינען אויף זיך מקבל און זיינען מקיים די הוראות פון דעם שופט ויועץ הדור. און מ׳איז אַזוי משפיע אויף אשתו ובני ביתו, ביז אויף אַלע די וועמען ער קען דערגרייכן.

ביז אויך בכללות העולם — אַזוי אַז די גאַנצע וועלט, אויך דער עולם מלשון העלם והסתר[126], מיט אַלע זיינע פרטים ופרטי פרטים ווערט אַ רשות היחיד דורכגענומען מיט דער איין און איינציקער נקודה פון יחידו של עולם[127] (מלשון העלם למעליותא, מבחי׳ „ישת חושך סתרו״[128]), ווי ער איז זיך מגלה „בקרבנו״ דורך „נביא אקים להם גו׳ כמוך״, נשיא הדור וואָס „הוא הכל״[129], „צדיק יסוד עולם״[130],

ע״ד דער אבן השתי׳ — וואָס געפינט זיך במקום מסויים בעולם הזה הגשמי[131], און איז קיימת תמיד בלי שינויים (אפילו ניט דער שינוי פון גניזה, ווי דער ארון שנגנז[131] וכיו״ב), ע״ד ווי אַ שופט און נביא איז קיים (נצחי) בכל דור (אַלס אַ סימן אויף גילוי אלקות בעולם באופן תמידי) — וואָס ממנה הושתת כל העולם כולו[132]. און די ביידע ענינים אין אבן השתי׳ — (א) אַ נקודה אחת (ב) הכוללת הכל (ממנה הושתת כל העולם) — איז מרומז אויך אין די אותיות פון „שתי־ה״[133] (ועד״ז אין וואָרט „ישת״ פון „ישת חושך סתרו״ כנ״ל): דער יו״ד באַווייזט אויף נקודת הביטול (קבלת עול) — ע״ד דער ענין פון

123) איוב יב, יא.

124) ראה רמב״ם הל׳ דיעות פ״ד.

125) פכ״ז.

126) ראה לקו״ת שלח לז, ד. ובכ״מ.

127) ראה תניא ספל״ג. ובכ״מ.

128) תהלים יח, יב.

129) פרש״י חוקת כא, כא.

130) משלי י, כה.

131) יומא נג, ב.

132) שם נד, ב.

133) ולהעיר שבשנת ה׳שי״ת (שנת הסתלקות כ״ק מו״ח אדמו״ר) התחילה תקופה חדשה בפעולתו ועבודתו כו׳. ובפרט לאחרי שעברו יותר מארבעים שנה מאז, כאשר ניתן לבנ״י „לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע״ (תבוא כט, ג).

שופטינו כבראשונה ויועצינו כבתחלה״ בגאולה האמיתית והשלימה (כנ״ל), במכ״ש פון דעם וואָס „סוף מעשה במחשבה תחלה״[120], עאכו״כ אַז דאָס איז שוין אויך אין דיבור („ניב שפתיים״, ענין הנבואה), ווי ס׳איז נהוג לאחרונה צו אַרויסברענגען די דברים בדיבור, כולל ובמיוחד – אַז אָט אָט קומט די גאולה.

– וואָס עפ״ז האָט מען אויך אַן ענטפער אויף דער שאלה וואָס מ׳פרעגט אויף דעם וואָס מ׳רעדט לאחרונה אַז די גאולה קומט תיכף ומיד ממש – לכאורה: ווי קען דאָס אַזוי גלאַטיק דורכגיין און מצליח זיין; ווי וועלן די בני־בית זיך אָפּרופען אויף דעם, און וואָס וועט די וועלט זאָגן אויף דעם?! איז דער ענטפער, אַז אויב די עניני הגאולה וואָלטן געווען אַ חידוש, וואָלט אפשר געווען אַן אָרט אויף דער שאלה; וויבאַלד אָבער אַז די גאולה איז ניט קיין חידוש דבר, נאָר כל עניני הגאולה האָבן זיך שוין אָנגעהויבן („כבתחלה״) און זיינען שוין נמשך ונתקבל געוואָרן אין עולם הזה הגשמי התחתון שאין תחתון למטה ממנו (בבחי׳ „ויועציך כבתחלה״) – וועט ניט זיין אַ פלא ווען די גאולה קומט תיכף ומיד ממש!

יב. ובפשטות:

שטייענדיק אין אַ התוועדות פון חסידים אין די ד׳ אמות פון כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו – דאַרף יעדערער, אנשים נשים וטף, לכל לראש אָננעמען אויף זיך החלטות טובות צו מקיים זיין די אַלע הוראות טובות ועצות וואָס ווערן גערעדט באַ אַ התוועדות – מיוסד אויף תורה שבכתב ותורה שבע״פ, ודברי תורה והוראות פון רבותינו נשיאינו.

עס זאָל זיין „שופטים תתן לך בכל שעריך״, אַז אַלע ז׳ שערי האדם, זיינע ב׳ עינים וב׳ אזנים, ב׳ נחירי האף און זיין פה – זאָלן אָנגעפירט ווערן לויט די הוראות פון תורתנו הקדושה איבערגעגעבן דורך „מאן מלכי רבנן״ בכלל, ובפרט דורך דעם „שופט״ און „יועץ״ הדור – נשיא דורנו,

ובפרטיות יותר: כשם ווי ס׳איז דאָ אַ שופט און נביא בכל דור, און דאָס איז „מיסודי הדת״, אַז אַלעמאָל און אומעטום איז דאָ גילוי אלקות למטה – עד״ז איז אויך בפרטיות אין אַ אידן בעצמו, אַז ער האָט אַ נשמה, וועלכע איז אַ „חלק אלוקה ממעל ממש״[121], ממש אויך בפירושו אַז דאָס איז קיים באופן נצחי (אויך ווי זי קומט אַראָפּ למטה אין עולם הזה הגשמי).

און די הוראה פון „שופטים גו׳ תתן לך בכל שעריך״ באַשטייט אין דעם, אַז די הוראות פון דעם „שופט״ און „יועץ״ הכללי ווערט נמשך און גייט דורך דעם „שופט״ און „יועץ״ הפרטי אין יעדן נפש האלקית – אַז אַלע זיינע „שערים״ (אברים גשמיים) ווערן אָנגעפירט דורך זיינע ג׳ מוחין („שופטיך״), און זיינע מדות שבלב („יועציך״), שכל ומדות פון זיין נפש האלקית, וועלכער לערנט און פאַרשטייט די הוראות התורה, ובפרט ווי עס ווערט ערקלערט דורך דעם „שופט״ הדור כ״ק מו״ח אדמו״ר, און ברענגט עס אַראָפּ אין זיינע מדות הלב, אהבה ויראה וכו׳[122].

ד.ה. אַז זיין לימוד התורה דאַרף זיין אַ לימוד שמביא לידי מעשה, וואָס קומט

מעלה מהשתלשלות דע״ס (ע״ד בחי׳ שופט שהוא שלא בערך להנשפטים), הכולל ונמשך גם בע״ס (ע״ד בחי׳ יועץ).

120) פיוט „לכה דודי״.

121) תניא רפ״ב.

122) ראה שם פ״ג.



משיחות ש״פ שופטים, ז׳ אלול ה׳תנש״א

(אין מנין המצוות), נאָר ער איז נכלל אין מצות מינוי השופטים – ווייל שוטרים איז אַ פרט אין דעם ענין פון „שופטים״ (בכדי דורכצופירען דעם קיום המשפט (בפועל) שע״י השופטים), אָבער דאָס איז ניט קיין ענין הכרחי צום ענין המשפט, וועלכער קען דורכגעפירט ווערן בפועל אויך אָן שוטרים, ווען דער מצב וזמן איז כתיקונו, אַז מ׳דאַרף דערצו ניט אָנקומען (ווי דאָס וועט זיין לע״ל), כנ״ל.

און דאָס וואָס דער ציווי בתורה איז כולל אויך „שוטרים״, איז דאָס ווייל ס׳איז אַ ציווי לדורות וואָס רעדט וועגן כל הזמנים וכל המצבים, במילא דאַרף מען האָבן אַ ציווי אויף שוטרים, אין אַ מצב וואָס פאָדערט אַז מ׳זאָל מקבל זיין דעם דין בדרך כפי׳[23] [און דערפאַר שטייט אויך אין מדרש „אם אין שוטר אין שופט״, ניט לדינא, בלויז לתועלת קיום הדבר, ווען ס׳קען זיין אַז אָן שוטרים וועט דער משפט ניט אויסגעפירט ווערן].

ה. עפ״ז וועט מען פאַרשטיין דעם טעם פאַרוואָס אין דעם יעוד קומט צו „ויועציך״ (נוסף צו „שופטיך״), וואָרום די שלימות הכח אויף דעם אַז אין דער גאולה זאָלן אידן זיין בשלימות און מקיים זיין די הוראות השופטים ניט דאַרפנדיק אָנקומען צו שוטרים – איז דערפון וואָס דעמולט וועט זיין „שופטיך״ און אויך „יועציך״:

דער חילוק בפשטות צווישן אַ שופט און אַ יועץ איז: אַ שופט איז ניט בערך צו דעם נשפט, ער שטייט אָן אַן ערך העכער פאַר אים – הן מצד זיין ידיעה והבנה אין די דינים ומשפטים, און הן מצד דעם ביטול וואָס דער נשפט דאַרף האָבן צום שופט בכדי צו מקבל זיין את הדין (אפילו אויב ס׳איז ניט כרצונו של הנשפט); דער שופט פסק׳נט דעם דין ומשפט בדרך ציווי וגזירה (– מלמעלה למטה), און דער נשפט מוז עס מקבל זיין בקבלת עול (צי ער פאַרשטייט עס יאָ אָדער ניט).

משא״כ אַ יועץ איז כשמו – ער גיט אַן עצה טובה[24], בלשון חז״ל[25] – „עצה טובה קמ״ל״. וואָס דאָס באַווייזט אַז דער יועץ (אַלס יועץ) שטייט בערך צו דעם שומע ומקבל העצה, און דעריבער רעדט דער יועץ צו אים (ניט מלמעלה למטה בדרך ציווי וגזירה, נאָר) ווי אַ גוטער פריינט וואָס רעדט מיט אים שוה בשוה און גיט אים אַן עצה טובה ווי ער זאָל זיך אויפפירן, אַן עצה וואָס ער (דער שומע) פאַרשטייט און עס לייגט זיך ביי אים אָפּ און ער פילט אַז דאָס איז פאַר אים (דעם שומע) אַ גוטע זאַך, אויב ניט – איז דאָס ניט קיין עצה טובה, נאָר אַ חוקה וגזירה.

עד״ז איז אויך פאַרשטאַנדיק דער אונטערשייד צווישן „שופטיך״ און „יועציך״ אין דעם לשון היעוד בקשר מיט אַ משפט ועצה אין עניני תורה ומצוות.

ויש בזה מה שאין בזה: די מעלה פון אַ יועץ איז, אַז דאָס דערנעמט מערער דעם

23) אלא דיש לומר, דכיון שכל עניני התורה הם נצחיים – גם לע״ל יהי׳ הענין ד„שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך״, אלא שאז יהיו שוטרים אך ורק למעליותא – להכריז ולהודיע ע״ד מציאותו של השופט. או בכדי לסייע לבנ״י בקיום עניני ב״ד [לדוגמא: ליישר הדרך עבור עדי ראיה בקידוש הלבנה בכדי שיוכלו להגיע לב״ד בנקל ובזריזות (ע״ד תוספתא שקלים פ״א). ראה גם סה״ש תשמ״ט ח״ב ע׳ 663].

אמנם, מכיון שפשטות ועיקר הפירוש ד„שוטרים״ הוא „בעלי מקל ורצועה כו׳״, לא נזכר זה בדיבור ביעוד הגאולה.

24) דפשוט שההבטחה בהגאולה הוא, שיועץ („יועציך״) עצה טובה דוקא.

25) עירובין לט, א. וש״נ.

שומע העצה, דאָס נעמט אים דורך בפנימיות מציאותו, וואָרום עס לייגט זיך ביי אים אָפּ אַז דאָס איז אַן עצה טובה פאַר אים; די מעלה אין אַ שופט איז, אַז קומענדיק אַלס אַ הוראה וציווי פון אַ שופט וואָס איז שלא בערך העכער פאַר דעם נשפט, גיט עס דעם שופט, וואָס האָט דעם כח התורה צו פסק'נען דינים, שלא בערך אַ גרעסערען נתינת כח (לגבי אַ יועץ שבערכו), און אויך — אַז דאָס קומט בדרך ציווי מלמעלה, וואָס איז מכריח דעם אדם ער זאָל מקיים זיין די הוראה (משא"כ אַן עצה האָט ער די ברירה מקיים זיין אָדער ניט).

ובסגנון אחר: ביי אַ שופט איז בהדגשה (בעיקר) מציאות השופט, און ביי אַ יועץ איז בהדגשה (בעיקר) די מציאות פון דעם מקבל העצה.

ועפ"ד ווי די צוויי ענינים וואָס דאַרפן זיין בכללות עבודת האדם[26]: די עבודה פון דעם אדם בכח עצמו — אתערותא דלתתא, און דער סיוע מלמעלה — אתערותא דלעילא. ועד"ז בפרטיות יותר זיינען דאָביידע ענינים אין דעם סיוע מלמעלה עצמו[27]: אַ סיוע ונתינת כח וואָס איז בערך צו דעם אדם ומתלבש בו באופן פנימי; און אַ סיוע ונתינת כח וואָס קומט פון אַ דרגא שלא בערך אליו. ועד"ז י"ל זיינען דאָ ביידע ענינים אין דעם סיוע לעבודה וואָס קומט פון אידן עצמם: „שופטיך" — וואָס ענינם איז תורה (דבר השם) — גיבן אַ סיוע מלמעלה[28] שלא בערך האדם, און „יועציך" — זיינען אים מסייע באופן של התלבשות פנימית, באופן אַז ער פילט אַז דאָס איז זיינע אַ טובה.

ו. עפ"ז וועט מען פאַרשטיין דעם חילוק וואָס באַ „שופטיך" שטייט „כבראשונה" און באַ „יועציך" — „כבתחלה"[29]:

דער אונטערשייד צווישן „ראשונה" און „תחלה" איז: „ראשון דמעיקרא משמע"[30], ד.ה. אַז דאָס איז (אָדער קען זיין) קודם התחלת הענין[31]. משא"כ „תחלה" באַווייזט אויף התחלת הענין בפועל.

ויש לומר אַז דאָס איז דער חילוק צווישן „שופטיך כבראשונה" און „יועציך כבתחלה" (אַז אויך ווי די שופטים ויועצים זיינען געווען אַמאָל[32], איז דאָ אַ חילוק עיקרי ביניהם המודגש אין דעם שינוי הלשון „כבראשונה" און „כבתחלה"): ווי־באַלד אַז אין דער פעולה פון אַ שופט איז בהדגשה (בעיקר) מציאות השופט, און דאָס קומט בדרך ציווי מלמעלה, ניט

26) ראה גם בארוכה לעיל ע' 2־750.

27) להעיר מהמבואר (לקו"ת שה"ש כג, ד. ובכ"מ) ע"ד החילוק בין אתעדל"ע הבאה ע"י אתעדל"ת (שהיא מבחי' פנימיות האור) לאתעדל"ע הבאה מצד עצמה (שנמשכת מבחי' נעלית יותר, מבחי' כזו שאין אתעדל"ת מגעת שם). — אלא דשם קאי דוקא באתעדל"ע הבאה ע"י ולאחרי עבודת האדם בבחי' אתעדל"ת.

28) ראה סד"ה שופטים העת"ר (המשך תער"ב ח"ב ע' א'קיד).

29) להעיר מהפירושים עה"פ — באו"א.

30) פסחים ה, א. וראה גם פרש"י בא יב, טו (ד"ה אך).

31) וגם לפי הפירוש הפשוט ב„ראשון", שהוא הראשון של הבא לאחרי זה (ויש שני לו), הרי הוא מובדל ומרומם מהם. משא"כ „תחלה" — התחלת הענין — מורה על קירוב להבא לאחרי זה. ע"ד המבואר בהחילוק בין הלשון „ראש השנה" ו„תחלת השנה", שהראש הוא למעלה ומרומם ו(לכן) כולל כל אברי הגוף, משא"כ תחלה אפשר להיות רק התחלת הענין.

32) ראה יל"ש עה"פ ישעי' שם (רמז שצא): ואשיבה שופטיך זה משה ואהרן ויועציך זה דוד ושלמה (וראה בביאור הגר"א עה"פ).





משה בתורה ואמר אם נתן אות אליו תשמעון", דורך דעם וואָס „יאמר דברים העתידים להיות בעולם ויאמנו דבריו"[112] (ווי מ'האָט עס געזען באַ כ"ק מו"ח אדמו"ר),

און נאָכמער: „נביא שהעיד לו נביא אחר שהוא נביא — ווי דאָס איז בנוגע צו נשיא דורנו, און דאָס ווערט נמשך בדור שלאחריו ע"י תלמידיו כו' — הרי הוא בחזקת נביא ואין זה השני צריך חקירה"[113]; מ'דאַרף אים פאָלגן גלייך תיכף ומיד נאָך „קודם שיעשה אות", און „אסור לחשוב אחריו ולהרהר בנבואתו שמא אינו אמת ואסור לנסותו יותר מדי כו' שנאמר[114] לא תנסו את ה' אלקיכם כאשר נסיתם במסה כו' אלא מאחר שנודע שזה נביא יאמינו וידעו כי ה' בקרבם ולא יהרהרו ולא יחשבו אחריו כו'"[113], וואָרום מ'איז מאמין אין דברי הנביא, ניט ווייל דאָס איז זיינע דעם נביא'ס רייד, נאָר ווייל דאָס איז דעם אויבערשטן'ס רייד דורך דעם נביא!

[אפילו ניט די רייד וואָס דער אויבערשטער האָט געזאָגט דורך אַ נביא שני, וואָס איז אָבער ניט געזאָגט געוואָרן צו אים].

האָט מען די הוראה כנ"ל, אַז מ'דאַרף מפרסם זיין לכל אנשי הדור, אַז מ'האָט זוכה געווען אַז דער אויבערשטער האָט אויסגעקליבן און ממנה געווען אַ בעל־בחירה, וואָס מצד עצמו איז ער שלא בערך העכער פון אנשי הדור, אַז ער זאָל זיין „שופטיך" און „יועציך" און דער נביא הדור, וועלכער זאָל אָנווייזן הוראות און געבן עצות בנוגע צו דער עבודה פון אַלע אידן און אַלע מענטשן פון דעם דור, בכל ענייני תורה ומצוות, און בנוגע צו דעם אַלגעמיינעם טאָג טעגלעכן לעבן און אויפפירונגען, אויך אין „בכל דרכיך (דעהו)" און „כל מעשיך (יהיו לשם שמים)"[115],

ביז — די נבואה העיקרית — די נבואה[116] אַז „לאלתר לגאולה" און תיכף ומיד ממש „הנה זה (משיח) בא"[117].

און צוזאַמען מיט דעם זכות — האָט יעדערער פון אנשי דורנו די אחריות צו אָננעמען אויף זיך „שופטיך" און „יועציך", און אויספאָלגן זיינע הוראות ועצות טובות — ובלשון רבים („שופטיך" און „יועציך"), אַ ריבוי משפטים און ריבוי עצות, נוסף אויף דעם וואָס דאָס קומט (און איז מיוסד אויף די הוראות ועצות) פון „שופטיך" און „יועציך", „מאן מלכי רבנן", און רבותינו נשיאינו בדורות שלפני זה — וואָס דעמולט האָט עס אויך דעם תוקף המובן לכל א' בבחי' עצה טובה (ניט נאָר בדרך ציווי), אַז אפילו אויב ער האַלט פון זיך (און אפילו אויב ער האָט ע"פ תורה ושו"ע פון וואָס פון זיך האַלטן), איז יחיד ורבים הלכה כרבים[118] — כדעת ה„שופטיך" און „יועציך" — רבים.

און דורך דער קבלה וקיום ההוראות פון „שופטיך" און „יועציך" שבדורנו — ווערט דורך דעם גופא דער מעין און התחלה פון קיום התפלה[119] „השיבה

112) רמב"ם שם רפ"י.

113) שם ה"ה.

114) ואתחנן ו, טז.

115) משלי ג, ו. אבות פ"ב מי"ב. וראה רמב"ם הל' דיעות ספ"ג. טושו"ע או"ח סרל"א.

116) לא רק בתור חכם ושופט אלא בתור נביא, שזהו בודאות — ראה מאמרי אדה"ז הקצרים ע' שנה־ו.

117) שה"ש ב, ח ובשהש"ר עה"פ.

118) ברכות ט, א. וש"נ.

119) ולהעיר שזוהי ברכה הי"א בתפלת שמונה עשרה, אשר ענין אחד עשר הוא בחי' כתר, של־

דעם גילוי פנימיות התורה שלאחרי זה ע״י משיח צדקנו[103].

ובכל זה גופא איז צוגעקומען נאָכמער בדורנו זה — ווען מ׳האָט די שלימות פון יפוצו מעינותיך חוצה בכל קצוי תבל, ובאופן המובן בשכל בני אדם, אפילו פון אַזאַ וואָס געפינט זיך אין חוצה שאין חוצה הימנו, און אויך — דער תרגום פון פנימיות התורה ותורת החסידות אין לשון עם ועם[104] [רוסיש[105], וכיו״ב] דורך כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, ובאופן דהולך ומוסיף ואור, ביז בימים האחרונים — אויך אָפּגעדרוקט (ספר התניא, תושב״כ פון חסידות[106]) אויף „בּרײַל״, דער כתב פאַר „סגי נהור״[107] ר״ל (כמדובר לעיל[108]).

וע״פ די הכרזה הנ״ל פון כ״ק מו״ח אדמו״ר, אַז מ׳האָט שוין פאַרענדיקט אַלע עניני העבודה, כולל די עבודה פון רבותינו נשיאינו אַלס „שופטיך״ און „יועציך״ עד היום הזה, און „אכשור דרי״[109] כפשוטו — איז פאַרשטאַנדיק, אַז ס׳איז שוין געקומען די צייט פון „ואשיבה שופטיך כבראשונה ויועציך כבתחלה״ בתכלית השלימות (און מ׳דאַרף ניט אָנקומען צו שוטרים, ווייל ס׳איז שוין אַלץ מבורר), לאחרי די טעימה והתחלה בזה דורך רבותינו נשיאינו[110].

יא. דערפון איז פאַרשטאַנדיק דער לימוד וואָס יעדערער האָט שטייענדיק אין שבת פרשת שופטים בדורנו זה ובפרט בזמן האחרון, די לעצטע רגעים פון גלות — אַז עס דאַרף זיין אַן עבודה בהתאם מדה כנגד מדה צו מצב הגאולה:

צו מפרסם זיין באַ זיך און ביי אַלע צו וועמען מ׳קען דערגרייכן — אַז מ׳דאַרף אויף זיך מקבל זיין און אויף זיך אָננעמען (מיט נאָכמער שטאַרקייט) די הוראות ועצות פון די „שופטיך״ און „יועציך״ שבדורנו — „מאן מלכי רבנן״[111] בכלל, ובפרט נשיא דורנו — וועלכער קומט ב־המשך צו רבותינו נשיאינו שלפניו — דער שופט דורנו ויועץ דורנו און נביא דורנו,

וכציווי התורה הנ״ל[82]: „נביא אקים להם מקרב אחיהם כמוך ונתתי דברי בפיו ודיבר אליהם את כל אשר אצונו״, „אליו תשמעון״[72], וכפס״ד הרמב״ם הנ״ל, אַז אויב איינער האָט די מעלות ושלימויות וואָס אַ נביא דאַרף האָבן און באַווייזט אותות ומופתים — ווי מ׳האָט געזען און מ׳זעט בהמשך קיום ברכותיו באַ נשיא דורנו — איז „אין אנו מאמינים בו מפני האות לבדו כו׳ אלא מפני המצוה שצוה

103) ראה לקו״ת צו יז, א־ב. שער האמונה פנ״ו ואילך. סהמ״צ להצ״צ מצות מינוי מלך פ״ג.

104) ראה לקו״ש ח״ג ע׳ 862 ואילך. חכ״ד ע׳ 10. חכ״ו ע׳ 299 ואילך. שם ע׳ 315. סה״ש תשמ״ח ח״ב ע׳ 629. לקו״ש ר״ח שבט תש״נ ס״ו. וראה לקו״ש חי״ג ע׳ 180.

105) וראה סה״ש שם הערה 54. לקו״ש חי״ג שם.

106) מכתב כ״ק מו״ח אדמו״ר — נדפס ב־קיצורים והערות לתניא ע׳ קיח ואילך. אגרות קודש שלו ח״ד ע׳ רכא ואילך. וראה שם ח״ה ע׳ צ.

107) שזהו מפני שהוא „סגי נהור״ כפשוטו — מפני ריבוי אור שנכנס בעין, וחסר בהכיסויים כו׳ (ראה אוה״ת בראשית תתרלח, ב. סה״מ תרס״ח ע׳ לב. המשך תער״ב ח״א ע׳ ערה. ח״ב ס״ע א׳כד ואילך). ועוד יש לומר, שע״י הירידה דהעדר הראי׳ (לפי שעה), נעשה אח״כ גילוי אור וראי׳ ביתר שאת וביתר עוז, כיתרון האור מן החושך (קהלת ב, יג).

108) שיחת ש״פ עקב (ע׳ 764 ואילך).

109) ל׳ חז״ל — יבמות לט, ב. חולין צג, ב.

110) ראה פיה״מ להרמב״ם שבהערה 8: ואשי־בה שופטיך כבראשונה ויועציך כבתחילה . . זה יהי׳ בלי ספק כשיכון הבורא ית׳ לבות בני אדם ותרבה זכותם ותשוקתם לשם יתברך ותגדל חכמתם לפני בוא המשיח כו׳.

111) ראה גיטין סב, א.





רעכענענדיק זיך (אַזוי עיקר׳דיג) מיט הכשרת כלי המקבל — דעריבער איז דאָ אַ הפסק (באיכות, און במילא אויך בזמן) צווישן דברי השופט און קיומם ופעולתם בפועל, וואָרום לאחרי פס״ד השופט דאַרף זיך ערשט אָנהויבן אַ דבר חדש — קבלת הדין וקיומו דורך דעם בעל דין. און דערפאַר שטייט דערביי דער לשון „שופטיך כבראשונה״ — אַז די שופטים וואָס „אשיבה״ זיינען „כבראשונה״, ב־דרגת „ראשונה״, לפני התחלת הענין.

משא״כ אין דער פעולה פון אַ יועץ, וואו ס׳איז בהדגשה (בעיקר) מציאות המקבל, איז דער שומע העצה דערצו אַ כלי מוכשר, און די עצה ווערט געזאָגט האָבנדיק אין זינען אַז זי זאָל נתקבל ווערן באַם שומע, ד.ה. אַז דער עצם ענין פון (געבן) אַן עצה באַווייזט אַז ס׳איז שוין דאָ התחלת הענין, וואָרום דער שומע איז שוין דערצו מוכן, די עצה איז נאָר אויף מגלה זיין דאָס אין אים און אים באַווייזן ווי דאָס איז זיין (עצה) טובה, און אויך אין זמן — אַז תיכף צו אמירת העצה האָט מען די התחלה פון קיום העצה. און דעריבער שטייט „יועציך כבתחלה״, אַז די „יועציך״ וואָס וועלן אומגעקערט ווערן בימות המשיח זיינען „כבתחלה״, בדרגת „תחלה״, זיי זיינען פאַרבונדן מיט תחלת קיום העצות בפועל.

עפ״ז איז אויך מובן דער לשון „יועציך״ לשון נוכח, דיינע יועצים — ווייל אין אַן עצה איז בהדגשה אַז דאָס איז דיינע אַ זאַך; און די כוונה בזה איז, אַז דורך „יועציך״ זאָלן אויך די „שופטים״ ווערן — „שופטיך״ לשון נוכח, אַז די הוראות השופטים (וועלכע זיינען מצ״ע שלא בערך פון דעם נשפט) זאָלן ביי אים נתקבל ווערן באופן פנימי, אַזוי ווי קבלת העצות.

ויש לקשר זה דערמיט וואָס עס שטייט בפרשתנו — „שופטים גו׳ תתן לך בכל שעריך״:

אַ שער (העיר) איז אַ פּתיחה והתחלה צו אַריינגיין אין דער שטאָט. און די כוונה איז, אַז דער מינוי השופטים (והשוטרים — אין דעם זמן ווען מ׳דאַרף דערצו אָנקו־מען) זאָל זיין אין אַן אופן פון „תתן לך בכל שעריך״ לשון נוכח, אַז די (הוראות ופסקי דינים פון די) שופטים — וואָס זיינען מצ״ע באופן של הבדלה[33], און מ׳נעמט זיי אָן בדרך ציווי וקבלת עול — זאָלן באַ אידן אָנגענומען ווערן און אַראָפּקומען „לך (ויתרה מזה) בכל שעריך״, אין אַ פּנימיות, אַזוי אַז דאָס ווערט אַ התחלה און „שער״ — „שעריך״.

ויומתק לויט דעם פירוש בזה[34] אין עבודת ה׳, אַז „שעריך״ גייט (אויך) אויף די שערי (אברי) האדם (זיינע עינים, אזנים, אף ופה, כדלקמן סי״ב) וואָס זיינען אַ „שער״ ופתיחה צווישן אים מיט אַלץ וואָס אַרום אים, און „בכל שעריך״ דאַרף זיין „שופטים תתן לך״ — אַז אַלע זיינע אברים וכחות זאָלן אָנגעפירט ווערן דורך די „שופטים״ אין זיין נפש, די מוחין פון זיין נפש האלקית (שופטים)[35], מיט וועלכע ער לערנט תורה. ד.ה. אַז זיין לימוד התורה והוראות התורה (שופטים) זאָלן אָנפירן און אַראָפּקומען און נתלבש ווערן — ובאופן פון „תתן״ ד„כל הנותן בעין יפה הוא נותן״[36] — „בכל שעריך״, אין אַלע זיינע איברים און כחות פנימיים, באופן אַז דאָס נעמט אים אינגאַנצן דורך — „שעריך״, זיין שער והתחלה. וואָס דאָס

33) ולכן נאמר „שופטים ושוטרים״ בלשון סתם.

34) ש״ך עה״ת ריש פרשתנו. וראה בארוכה אוה״ת פרשתנו ע׳ תתכב. ועוד.

35) ראה תניא פי״ג.

36) ראה ב״ב נג, א. סה, א. עא, סע״א. רמב״ם הל׳ מכירה פכ״ה ה״ד. הל׳ זכיה ומתנה פי״א הכ״ב.

ווערט אויפגעטאָן דורך „יועציך״, וואָס זיינען „כבתחלה״[37], כנ״ל.

ז. עפ״ז וועט מען פאַרשטיין דעם טעם פאַרוואָס לאחרי ביאת המשיח וועט מען ניט דאַרפן אָנקומען צו „שוטרים״, דער־פאַר וואָס דעמולט וועלן זיין „שופטיך״ און „יועציך״ בשלימות — סיי די משפטים און הוראות התורה וואָס קומען דורך „שופטיך״ צוזאַמען מיט דער נתינת כח נעלה שבזה, און סיי די עצות טובות וואָס קומען דורך „יועציך״, וואָס ברענגען דאָס אַריין אין אַ פנימיות אין דעם מענטשן, וואָס דוקא דורך ביידע ענינים ווערט אַ איד אינגאַנצן דורכגענומען מיט תורה ו־מצוות און ג־טלעכקייט[38], אַזוי אַז ער דאַרף מער ניט אָנקומען צו שוטרים (כפי׳ והכרח) צו מקיים זיין דבר ה׳:

דורך „שופטיך״ אַליין, די הוראות התורה וואָס אַ איד נעמט אָן בקבלת עול בדרך ציווי וגזירה — פעלט די עבודה פנימית, וואָס נעמט דורך זיין פאַרשטאַנד און זיינע געפילן, וואָס קומט דורך „יועציך״. ובמילא בלייבט נאָך אַ נתינת מקום ואפשריות (בכחות הפנימיים שלו) אויף אַן ענין הפכי; דורך „יועציך״ אַליין, וואָס איז אַן עצה טובה צו דעם שומע ומקבל, פעלט דער כח התורה וסיוע שלא בערך וואָס קומט דורך פס״ד השופט (כנ״ל), ד.ה. אין דעם גילוי אלקות שבזה. דוקא דורך ביידע ענינים — „שופטיך״ און „יועציך״ — ווערט אויפגעטאָן אַז דער אדם עצמו (באופן של התלבשות ב־פנימיות מציאותו שנתקבל אצלו ע״י „יועציך״) פירט זיך לויט די הוראות ה־תורה (ע״י „שופטיך״), וואָס דעמולט איז מער ניטאָ קיין מקום ואפשריות אַז דער אדם זאָל דאַרפן אָנקומען צו כפי׳ (ע״י שוטרים) אויף מקיים זיין די הוראות השופטים.

ח. מהאי טעמא גופא וואָס עס דאַרף זיין „יועציך כבתחלה״ בכדי אַריינצו־ברענגען באַ דעם שומע העצה אַ פנימיות׳דיקן פאַרשטאַנד און געפיל אין תומ״צ און אידישקייט, באופן אַז דאָס ווערט זיין „תחלה״ און „שער״ (און ניט עס בלייבט ווי אַ דבר חדש וואָס איז שלא בערכו) — איז מובן, אַז דאָס דאַרף קומען דורך דער עבודה פון אַ אידן נאָך פאַר דער גאולה, אַן עבודה לפי ערכו, צעד אחר צעד ודרגא אחר דרגא, בכדי אים צוגרייטן און אים מאַכן פאַר אַ כלי מוכשר אויף צו מקבל זיין די גילויים פון ימות המשיח, כולל — „ואשיבה שופטיך כבראשונה ויועציך כבתחלה״.

ונוסף לזה: ע״פ הידוע אַז די תכלית השלימות פון ימות המשיח איז „תלוי במעשינו ועבודתינו כל זמן משך הגלות, כי הגורם שכר המצוה היא המצוה בעצמה כו׳״[39]. און אַלע המשכות מלמעלה קומען אין אַן אופן פון מדה כנגד מדה[40], אַז די

37) והטעם שלא נאמר „יועציך״ בפרשתנו — כי בלשון התורה נאמר הכל בכללות, ובכללות הציווי הוא „שופטים גו׳ תתן לך בכל שעריך״ (וזה כולל ברמז גם הפרט ד„יועציך״, שהעבודה צ״ל בפנימיות), ובהיותו ציווי לדורות ה״ז כולל כל המצבים, גם כשזקוקים לשוטרים (כנ״ל ס״ג); משא״כ ביעוד הגאולה, עיקר החידוש ד„ואשיבה שופטיך גו׳״ נעשה ע״י „שופטיך״ ו„יועציך״, כד־לקמן בפנים.

38) ע״ד הידוע (ראה תניא פל״ו — מו, א) שלע״ל תתמלא שלימות הכוונה ד„דירה לו יתברך בתחתונים״ (ראה תנחומא נשא טז. שם בחוקותי ג. במדב״ר פי״ג, ו) — ששני ענינים בזה: השלימות בגילוי אלקות, „דירה לו יתברך״, „לו״ לעצמותו (המשך תרס״ו ס״ע ג. ובכ״מ — נסמנו בסה״מ מלוקט ח״ב ע׳ רמא הערה 32); וגם, שהדירה לו ית׳ תהי׳ „בתחתונים״, בגדרי התחתונים.

39) תניא רפל״ז.

40) ראה סוטה ח, ב. ט, ב. וש״נ. תוספתא סוטה רפ״ד. מדרש לקח טוב שמות ג, ו. ועוד.





געהאַלטן בשלימות באַ דעם מצב וזמן פון „שופטיך״ און (בפרט פון) „יועציך״, און מ׳האָט געדאַרפט אָנקומען צו „שוטרים״ (צו כופה זיין אַז מ׳זאָל זיך פירן לויט דעם משפט השופטים).

אָבער לאחרי דעם ריבוי הכי מופלג פון „מעשינו ועבודתינו״ במשך כל הדו־רות, איז מובן אַז עס ווערט אַלץ נעענטער צו אָט דעם מצב.

ובמיוחד בדורות האחרונים, ווען ס׳איז צוגעקומען דער ענין פון גילוי פנימיות התורה, אָנהויבנדיק פון „מצוה לגלות זאת החכמה״ בזמן האריז״ל[94], און דערנאָך — „יפוצו מעינותיך חוצה״[95] דורך רבותינו נשיאינו — וואָס דורך זיי „תחזור נבואה לישראל״ (בלשון הרמב״ם הנ״ל)[96], „גלה סודו אל עבדיו הנביאים״, זיי זיינען נביאי דורנו[97] ביז „נביא מקרבך גו׳ כמוני״ (זייענדיק אתפשטותא דמשה שבכל דרא ודרא[98]), און זיינען „שופטיך״ און „יועציך״ פון דורנו:

סיי „שופטיך״ — זייענדיק נשיאינו, וואָס אַ נשיא (מלשון התנשאות) איז הע־כער שלא בערך פון די אויף וועמען ער איז אַ נשיא (ע״ד מ״ש[99] „ויגבה מכל העם משכמו ומעלה״), און אויך רבותינו וואָס לערנען תורה לכל העם — ע״ד „שופטיך״; און סיי „יועציך״ — וואָס גיבן עצות ב־עניני תורה ויראת שמים[100], ביז אויך עצות אין ענינים גשמיים (ענין הנבי־אים)[101].

ובפרט דורך דעם גילוי פון תורת חסידות חב״ד, בהתלבשות אין חכמה בינה ודעת בהבנה והשגה, באופן אַז דאָס איז מובן אפילו בשכל פון נפש הבהמית — עכ״פ בבחי׳ „עצה טובה קמ״ל״ — וואָס ווערט נתקבל בשכל ורגש האדם, וואָס דורך גילוי פנימיות התורה בחב״ד שב־שכל („יועציך״) — ביז באופן פון „טועמי׳ חיים זכו״[102] (וואָס דורך טעימה איז מען טועם די עצם זאַך) — ווערט אַ שער („שעריך״) והתחלה („יועציך כבתחלה״) צו גילוי פנימיות התורה לע״ל, און דורך דער טעימה והתחלה איצטער — ווערן אידן און די גאַנצע וועלט אַ כלי פנימי צו

94) אגה״ק סכ״ו (קמב, ב).

95) ראה אגה״ק דהבעש״ט — נדפסה בכתר שם טוב בתחלתו. ובכ״מ.

96) ראה לקו״ש ח״ב ע׳ 589.

97) „הבעש״ט ז״ל אשר כמוהו לא הי׳ מימות הראשונים פלאי פלאות נסים היוצאים מהטבע אשר היו נראים על ידו כאשר שמעתי מאאזמו״ר נ״ע שהוא ותלמידו הה״מ נ״ע היו רואים מסוף העולם ועד סופו ממש בעין ראי׳ והיו אומרים מה שהיו רואים כאשר הי׳ נראה בעליל לתלמידיהם, והיינו ע״י שהי׳ גלוי לפניהם אור שנברא ביום ראשון שהשי״ת גנזו בתורה, הנה כל אלה המופתים האמיתים מגלים גילוי א״ס ב״ה הבבע״ג. גם מזקני נ״ע שמענו עתידות קולע אל השערה״ (ספר החקירה להצ״צ מצות עדות ספ״ח (סה, סע״א). וראה שם נ, סע״א).

98) זח״ג רעג, א. תקו״ז תס״ט (קיב, רע״א. קיד, רע״א). ובב״ר פנ״ו, ז: „אין דור שאין בו כמשה״. וראה תניא פמ״ד (סג, א). אגה״ק ביאור לסי׳ ז״ך בסופו (קמז, ב).

99) שמואל־א י, כג.

100) ראה אגה״ק סכ״ב (קלד, א).

101) אגה״ק שם. — ואף שכתב אדה״ז שם „זכרו ימות עולם כו׳ ואי׳ איפוא מצאתם מנהג זה כו׳ להיות מנהג ותיקון לשאול בעצה גשמיות כדת מה לעשות בעניני העולם הגשמי כו׳ כ״א לנביאים ממש אשר היו לפנים מישראל כו׳״ — מ״מ, ידוע שלאחרי זה נתקבלו אצל אדה״ז — ורבותינו נשיאינו ממלאי מקומו — שאלות חסידים בענינים גשמיים (ראה אגה״ק שלו הידועה ד״ה נפש השפלה — אגרות־קודש אדה״ז סס״ה (ע׳ קנא ואילך)), וענה עליהן (ראה ס׳ שעורים בספר התניא לאגה״ק שם (ע׳ 1585)).

102) שער הכוונות ענין טבילת ערב שבת. פע״ח שער יח רפ״ג. ועוד. וראה בכ״ז לקו״ש חט״ו ע׳ 282 ואילך. ח״כ ע׳ 173. וש״נ.

נבואת משה, דלכאורה: מאי דהוה הוה[85] – למאי נפק״מ בזה אין אַ ספר הלכות הלכות פאַר אידן בכל הדורות? און אויב דאָס איז נוגע צו דעם זמן לאחרי ביאת המשיח ווען „משה עמהם״[86], וועט מען דאָס אַליין זען, און מ׳דאַרף אויף דעם ניט זאָגן אַ הלכה איצטער?

איז דער ביאור אין דעם: בכל הדורות – אויך לפני תחה״מ של משה – איז נוגע די הלכה צו וויסן אַז „הא־ל מנבא את בני האדם״ (גילוי אלקות בגדרי הנבראים), ביז די שלימות בזה ווי ס׳איז געווען באַ משה[87]. און נאָכמער – בכל דור איז שייך אַז „נביא אקים להם גו׳ כמוך״, ווי דער רמב״ם איז מבאר[88] אַז „כל נביא שיעמד אחר משה רבינו אין אנו מאמינים בו מפני האות לבדו כו׳ אלא מפני המצוה שצוה משה בתורה כו״, ד.ה. אַז יעדער נביא איז אַ המשך פון נבואת משה ותורתו[89] (נאָר אין דעם גילוי הנבואה זיינען פאַראַן חי־לוקי דרגות, ווי דער רמב״ם איז מבאר[84]). ובדורנו נשיא דורנו כ״ק מו״ח אדמו״ר.

ובפרט לאחרי וואָס „תחזור הנבואה לישראל״, וואָס איז „הקדמת משיח״ (כנ״ל) – די נבואה וואָס וועט זיין באַ משיח צדקנו (וואָס „נביא[90] גדול הוא קרוב למשה רבינו״[91]), ואמרו חז״ל[92] אַז „גואל ראשון (משה) הוא גואל אחרון״, און בכל דור ודור איז דאָ איינער וואָס איז ראוי לזה – דעריבער דאַרף מען וויסן אַלס אַ הלכה אויך בזמן הזה (נאָך פאַר דער גאולה), אַז ס׳איז דאָ די מציאות פון גילוי הנבואה (באַ משיח עוד לפני הגאולה), אַלס אַ מעין והתחלה („יועציך כבתחלה״) צו שלימות גילוי הנבואה לאחרי הגאולה. דאָס הייסט, אַז דאָס איז ניט קיין חידוש וואָס וועט זיך אויפטאָן ערשט נאָך דער גאולה, נאָר די התחלה בזה ווערט שוין אויפגעטאָן פריער בבחי׳ „יועציך כבת־חלה״, דעריבער שרייבט עס דער רמב״ם אין זיין ספר הלכות (ובפרט אַז דער רמב״ם שרייבט בספרו אויך די הלכות וואָס זיינען נוגע לימות המשיח, אויך – די הקדמה לזה).

י. ע״פ הנ״ל וועט מען פאַרשטיין דעם אויפטו פון די לעצטע דורות בכלל ובפרט פון דעם איצטיקן דור ובפרט אין דעם איצטיקן זמן, וואָס לויט הכרזת והודעת כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו האָט מען שוין אַלץ פאַרענדיקט (כנ״ל ס״א), און לויט אַלע סימנים האַלט מען שוין אין די לעצטע רגעים פאַר דער גאולה:

פון דעם זמן ווען די תורה האָט אָנגע־זאָגט „שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך״ ובמשך הדורות זינט דעמולט, ובפרט די (פריערדיקע) דורות אין גלות – איז וויבאַלד אַז לא זכו און די גאולה איז דעמולט ניט געקומען, איז אַ ראי׳ אַז מ׳האָט נאָך ניט פאַרענדיקט מעשינו ועבו־דתינו און ס׳איז נאָך געבליבן אַ רושם פון אַן ענין פון „חטאינו״ (וואָס „מפני חטאינו גלינו מארצנו״[93]), וואָס צוליב דעם העלם והסתר פון וועלט האָט מען נאָך ניט

85) ע״ד יומא ה, ב. ועוד.

86) יומא שם. וראה תוד״ה אחד – פסחים קיד, ב.

87) לקו״ש חכ״ג ע׳ 71. ע״ש.

88) שם פ״ח ה״ב.

89) שנבואת משה (שלימות הנבואה) מאמתת אמיתית התורה (ראה לקו״ש חי״ט ע׳ 185).

90) רמב״ם הל׳ תשובה פ״ט ה״ב.

91) ובתנחומא (ס״פ תולדות) משמע שהוא נביא גדול ממשה – ראה לקו״ש ח״ו ע׳ 254. – ועצ״ע.

92) ראה שמו״ר פ״ב, ד. זח״א רנג, א. שער הפסוקים פ׳ ויחי. תו״א ר״פ משפטים. ועוד.

93) נוסח תפלת מוסף דיו״ט.





עבודה פון אַ אידן דאַרף זיין מעין די המשכה וואָס ער איז ממשיך דורך דער עבודה[41] (וואָס דורך דעם ווערט ער אַ כלי פנימי צו דער המשכה) – איז פאַר־שטאַנדיק בנדו״ד, אַז בכדי צוקומען און מקבל זיין דעם מצב פון „ואשיבה שופטיך כבראשונה ויועציך כבתחלה״ בימות המשיח, דאַרף ביי אַ אידן זיין מעין זה אין זיין עבודה איצטער – אַז אידישקייט און תומ״צ זאָל ביי אים זיין איןביידע או־פנים: בדרך „שופטיך״ – קבלת עול ב־קיום הוראות התורה, און בדרך „יועציך״ – אַז די הוראות התורה זאָלן ביי אים נתקבל ווערן בפנימיות אַזוי ווי אַן עצה טובה.

וואָס דאָס ווערט אויפגעטאָן דורך דעם וואָס אידן בכל דור ודור פאָלגן די „שופטים״ און „יועצים״ פון זייער דור – כמבואר בפוסקים[42], אַז „שופטים ושוט־רים תתן לך בכל שעריך״ איז אַ ציווי עיקרי ויסודי[43] בכל המקומות, אויך בחוץ לארץ, און בכל הזמנים, אויך בזמן הזה (בתור שליחותם של ב״ד הראשונים)[44], און ווי עס שטייט בפרשתנו[45] – „ובאת גו׳ אל השופט אשר יהי׳ בימים ההם[46] ודרשת והגידו לך את דבר המשפט, ועשית על פי הדבר אשר יגידו לך״, ביז אַז דער „שופט אשר יהי׳ בימים ההם״ בכל דור איז „כשמואל בדורו כו׳ (ביז) כמשה בדורו״[47].

ושלימות ענין השופט והחכם איז ווען דערצו איז „נהנין ממנו עצה ותושי׳״[48], אָדער אַז נוסף צו דעם שופט ורב מורה הוראה בדורו האָט ער אויך (באַזונדערע) „יועציך״ („עשה לך רב״[49] וכיו״ב), וועלכע גיבן אים עצות אין יראת שמים ועבודת ה׳.

און דורך אויספאָלגן „שופטיך״ – זיין רב מורה הוראה, וואָס גיבן די פסקי דינים והוראות התורה, און „יועציך״ – טוט מען אויף און מ׳ווערט אַ כלי פנימי (דורך יועציך) אויף אויפצונעמען דעם „ואשיבה שופטיך כבראשונה ויועציך (לשון נוכח – יועץ שלך) כבתחלה״, אויך די ענינים שלא בערך (שופט), כנ״ל.

ט. אַ דוגמא להנ״ל האָט מען פון דעם חילוק צווישן דברי תורה און דברי נבואה[50] (וואָס וועגן ביידע רעדט זיך אין פ׳ שופטים[51]):

41) ראה בארוכה סה״מ מלוקט ח״ג ע׳ מז־ח. וש״נ.

42) רמב״ם הל׳ סנהדרין פ״א ה״א־ב, ע״פ סנהדרין נו, ב. מכות ז, א. וראה אנציקלופדי׳ תלמודית ערך בית דין בתחלתו (ע׳ קנ). וש״נ.

43) ראה חינוך מצוה תצא: המצוה הזאת עמוד חזק בקיום הדת.

44) גיטין פח, ב ובתוד״ה במילתא. ב״ק פד, ב. טור חו״מ סימן א. וראה רמב״ם הל׳ סנהדרין פ״ה ה״ח (בנוגע לחוץ לארץ). וראה אנציקלופדי׳ תלמודית שם ע׳ קנא. ע׳ קסא ואילך. וש״נ.

45) יז, ט־י.

46) „אין לך אלא שופט שבימיך״ – פרש״י עה״פ, מר״ה כה, ריש ע״ב. וראה גם ספרי עה״פ.

47) ר״ה שם. פרש״י פרשתנו יט, יז (ד״ה אשר); טור חו״מ סכ״ה (ושם הובא רק שיפתח בדורו כשמואל בדורו). וראה של״ה פרשתנו שעז, א־ב.

ואיתא בראשונים (רא״ש סנהדרין ספ״ג. ב״ק קיב, ב. מרדכי סנה׳ שם סתש״ט. ועוד. וראה אנציקלופדי׳ תלמודית ערך ב״ד הגדול ע׳ קפ. וש״נ) – שבזמן הזה שאין לנו ב״ד הגדול, כל ב״ד חשוב שבדור נקרא ב״ד הגדול. וברמב״ם ריש הל׳ ממרים (בנוגע לב״ד הגדול): כל מי שמאמין במשה רבינו ובתורתו חייב לסמוך מעשה הדת עליהם ולהשען עליהם.

48) אבות פ״ו מ״א (הפרק דשבת זה).

49) שם פ״א מ״ו. שם מט״ז.

50) בהבא להלן, ראה בארוכה לקו״ש חי״ט ע׳ 142 ואילך. ספר השיחות תשמ״ח ח״א ע׳ 211 ואילך.

51) יז, ח ואילך. יח, יד ואילך.

תורה איז למעלה מעולם (קדמה ל־עולם[52]). תורה איז חכמתו ורצונו של הקב״ה[53], וואָס איז העכער פון אַ שייכות צו גדרי העולם, כשם ווי לית מחשבה תפיסא בי׳ כלל[54] [און הגם אַז תורה „ירדה ונסעה כו׳״[53] און קומט אַראָפּ בהתלבשות בהבנה והשגה למטה, ביז אַז „נקראת על שמו״[55], בלייבט זי אָבער בעצם מהותה — עצם התורה — למעלה מהבנה והשגה]. און דערפאַר איז אויך דער אופן פון פעולת התורה בעולם — בעיקר בדרך ציווי ופס״ד מלמעלה.

משא״כ נבואה — כאָטש זי איז דבר הוי׳, איז זי אַ התגלות אלקות צו נבראים, „גילה סודו אל עבדיו הנביאים״[56], אין זייער גדר[57] (אויב עס זיינען פאַראַן די תנאים פון חכם גבור כו׳[58]), אַז דאָס ווערט אויפגענומען בדעתו ושכלו של הנביא, אַזוי אַז ער ווערט דערמיט נתאחד[59] — „מתלבשת בשכלם והשגתם במראה ה־נבואה וגם במחשבתם ודיבורם כמ״ש[60] רוח ה׳ דיבר בי ומלתו על לשוני״[61], ועניין הנבואה דאַרף אַרויסקומען בגלוי דוקא בדיבור, „כל לשון נבואה אדם המכריז ומשמיע לעם כו׳ והוא מגזירת ניב שפתיים[62] כו׳״[63], ניט ווי תורה וואָס קען (מצד ענינה) בלייבן במחשבה; און אויך דער תוכן פון נבואה האָט אַ שייכות צו עולם, „אין[64] הנביא עומד אלא להודיענו דברים העתידים להיות בעולם כו׳״[65].

ויש לומר לכאורה, אַז תורה און נבואה איז בכללות ע״ד דער חילוק צווישן „שופטיך״ און „יועציך״: אַ שופט איז ענינו — לפסוק דיני התורה, וואָס דאָס קומט בדרך ציווי וגזירה. אַ יועץ גיט אַן עצה וואָס איז „אָנגעטאָן״ אין די לבושים פון דעם שומע העצה, אין זיין הבנה והשגה — ע״ד ווי ענין הנבואה[66] (וואָס איז פאַר־בונדן[67] מיט כליות יועצות[68], בחי׳ נצח והוד[69]), וואָס דער נביא (וועלכער איז ניט קיין שופט[70]) גיט אַן עצה בנוגע צו הנהגה בעניני העולם („דברים העתידים להיות בעולם״), „כגון, לכו למקום פלוני או אל תלכו עשו מלחמה היום או אל תעשו כו׳״[71].

וכשם ווי ס׳איז דאָ דער ציווי צו פאָלגן די „שופטיך״ בכל הזמנים, ווי עס

52) ראה שבת פח, ב. פסחים נד, א (וש״נ). מדרש תהלים צ, ד. ב״ר פ״י, ב. תנחומא וישב ד. וש״נ. זח״ב מט, א. וראה סה״מ תש״ח ס״ע 272.

53) תניא פ״ד.

54) תקו״ז בהקדמה (יז, א).

55) ראה קידושין לב, ריש ע״ב (ובפרש״י). ע״ז יט, א.

56) עמוס ג, ז.

57) ראה שער רוה״ק ושער היחודים (לה־אריז״ל) בתחלתם.

58) רמב״ם הל׳ יסודי התורה רפ״ז.

59) ראה בארוכה לקו״ש חכ״ג ע׳ 86 ואילך.

60) שמואל־ב כג, ב.

61) שעהיוה״א ספ״ב. ולהעיר מתו״ח בא קמ, ב ואילך.

62) ישעי׳ נז, יט.

63) פרש״י וארא ז, א.

64) רמב״ם שם פ״י ה״ג.

65) כולל גם „לצוות על דברי התורה ולהזהיר העם שלא יעברו עלי׳״ (שם פ״ט ה״ב), ואפילו בנוגע לנביא עצמו, „להרחיב לבו ולהוסיף דעתו כו׳״ (שם ספ״ז) — תכלית ומטרה השייכת להעולם ודהאדם כו׳.

66) ראה אוה״ת נ״ך ע׳ שסח, מזח״ג קצג, ב.

67) שער הנבואה להאריז״ל, הובא בשעהיוה״א פ״ה (פ, א).

68) ברכות סא, סע״א. וש״נ.

69) ראה ספר הליקוטים דא״ח־צ״צ ערך עצה ע׳ שנה. וש״נ.

70) ראה הקדמת הרמב״ם לפירוש המשניות ד״ה והחלק השני בסופו.

71) רמב״ם שם פ״ט ה״ב.





שטייט אין פרשתנו: „ובאת גו׳ אל השופט אשר יהי׳ בימים ההם״ (כנ״ל ס״ו), אַזוי איז אויך בנוגע צו נביאים — ווי עס שטייט שפּעטער אין דער פרשה[72]: „נביא מקרבך מאחיך כמוני יקים לך ה׳ אלקיך אליו תשמעון״, און ווי דער רמב״ם איז מאריך אין ספר המדע[58], אַז „מיסודי הדת לידע שהא־ל מנבא את בני האדם״, און וועגן דער מצוה צו פאָלגן דעם נביא, כמבואר שם[73] די פרטי הדינים בזה.

וויבאַלד אַז דער רמב״ם ברענגט דאָס אין ספר „הלכות הלכות״[74] (און מיט אַן אריכות גדולה), און מיט דער הקדמה אַז דאָס איז „מיסודי הדת״ — איז פאַרשטאַנ־דיק, אַז דאָס איז אַ הלכה וואָס איז נוגע צו אידן בכל הדורות. והגם אַז אמרו חז״ל[75] „משמתו נביאים האחרונים חגי וזכרי׳ ומלאכי נסתלקה רוח הקודש מישראל״ — האָט מען אַמאָל גערעדט[76] דעם פשט אין דעם אַז דאָס איז ניט בטל געוועןלגמרי (נאָר „נסתלקה״, אָבער ניט „בטלה״ אָדער „פסקה״[77]), וכדמוכח דערפון וואָס אויך דערנאָך געפינט מען השראת רוח הקודש באַ כמה וכמה[78] (וכמובן אויך דערפון וואָס בספרו הלכות — צווישן די אַלע תנאים בנוגע לנבואה — ברענגט ניט דער רמב״ם קיינע תנאים בנוגע צו זמן הנבואה, משמתו נביאים האחרונים[79]).

און נאָכמער: דער רמב״ם שרייבט אין אגרת תימן[80], אַז בשנה מסויימת (ווי ער רעכנט דאָרט אויס) „תחזור הנבואה לישראל״, „ואין ספק שחזרת הנבואה היא הקדמת משיח (שנאמר[81] ונבאו בניכם ובנותיכם וגו׳)״.

ויש לומר אַז דער ביאור בזה איז מובן ע״פ המדובר לעיל בענין „ויועציך כב־תחלה״, אַז בכדי מ׳זאָל קענען אויפנעמען די גילויים פון ימות המשיח, דאַרף זיין אַ התחלה בזה אין דער עבודה איצטער — בזמן הזה — בבחי׳ „יועציך״ (ע״ד הנבואה), אַ המשכה (עצה) וואָס ווערט נתקבל באַ דעם אדם (אַזוי אַז ער האָט דערצו אַ שייכות שוין „בתחלה״), וואָס דאָס ער־מעגלעכט אים צו אויפנעמען באופן פנימי דעם גילוי אלקות בימות המשיח, סיי פון „שופטיך״ און סיי פון „יועציך״, כנ״ל.

און דעריבער איז אַ הלכה לדורות — אויך בזמן הגלות — אַז „מיסודי הדת לידע שהא־ל מנבא את בני האדם״, אַז ס׳איז אַלעמאָל (בכל הדורות) שייך דער ענין פון גילוי הנבואה למטה, ביז אַ דרגא פון נבואה וואָס איז מעין פון נבואת משה, „נביא[82] אקים להם מקרב אחיהם כמוך״[83] — שלימות ענין הנבואה, ווי דער רמב״ם איז מבאר בארוכה[84].

ועפ״ז יש לומר דעם טעם פאַרוואָס דער רמב״ם איז מאריך[84] בנוגע צו אופן

72) יח, טו.

73) פרק ז־י.

74) הקדמת הרמב״ם לספר היד.

75) יומא ט, ב. סוטה מח, ב. תוספתא שם פי״ג, ד. סנהדרין יא, א.

76) לקו״ש חי״ד ע׳ 72 ואילך.

77) כהלשון בגמ׳ סוטה שם בנוגע לכמה דברים שבטלו.

78) ראה שערי קדושה (להרח״ו) שער ג פרק ז. פרקי גילוים להר״ר מרגליות בפתיחתו לשו״ת מן השמים. וש״נ. וראה גם לקו״ש שם ע׳ 73.

79) ראה לקו״ש שם ובהערה 25.

80) פרק ג.

81) יואל ג, א.

82) פרשתנו יח, יח.

83) דאף שנאמר „ולא קם נביא עוד בישראל כמשה״ (ברכה לד, י. וראה רמב״ם שם פ״ז ה״ו), הרי מפרש תומ״י שזהו בענין „אשר ידעו ה׳ פנים אל פנים״. וכמובן מההבטחה בפרשתנו „נביא מקרבך מאחיך כמוני גו׳״, „נביא אקים להם מקרב אחיהם כמוך״ (כבפנים), ראה גם לקו״ש חי״א ע׳ 59.

84) שם.